ב"ה

# נאָך לאַנגע יאָרן וואָס

א) שלמה העלבראַנץ, רב פון "לב טהור" אין מאנסי, האט געפּרעדיגט קדושה מיט פאַרגלייזטע אויגן, און פון די אַנדערע זייט אַליין נכשל געוואָרן אין עריות (פרעגט זיך נאך פרטים ביי הר"ר מענדל עקשטיין פון מאָנראָ).

ב) שלמה העלבראַנץ האָט געפּייניגט און צובראָכן איידעלע אידן מיט אידענעס, אוועקרויבענדיג זייערע בעסטע קינדער פון שטוב, מאכענדיג זיי פאר שנאַרערס, שלעגערס, משוגעים, וועלכע זאָלן די אייגענע טאַטע און מאַמע שפּייען אין פּנים און טיילן פּעטש, און נישט הערן וואָס זיי רעדן און דערציילן.

ג) שלמה העלבראַנץ שיקט אַרום זיינע שנאָרערס מיט אַלע מינים בלאָפּרייען און שקרים, נעמען אידישע געלטער (כמעט מיט געוואלד) שווערע צענדליגער טויזנטער דאָלאַרן כדי זיך צו פּאַשען און אָנלאָדענען די שאַפּעס מיט זילבערנע און גאָלדענע כלים פון אייערע מיט-בלוט-אָנגעהאָרעוועטע געלטער.

ד) שלמה העלבראַנץ וואָס זיינע שנאָרערס האָבן פון די איידעלע און חשוב'ע כולל יונגעלייט וועלכע זיצן און לערנען יומם ולילה בלחם צר ומים לחץ אויסגעפּרעסט מיט געוואלד זייער לעצטן ביסן פון מויל, אין צוגאב צו מוטשען זיי זאלן אויפנעמען א גמ"ח און האבן א פרעשער פון מוזן באצאלן דריי יאר $100 אדער $200 מאָנאַטליך, אַוועקנעמענדיג זייער הרחבת הדעת פון לערנען און דאַווענען.

ה) שלמה העלבראַנץ האָט מיט זיין שוואַרצע לאַנגע האַנט געגרייכט אין כוללים און גע'גנב'עט (קידנעפּ"ד) טייערע יונגעלייט, געמאַכט זיי פאַר זיינע פאַרגלויבטע שקלאַפן וועלכע טוען בלינדערהייט וואָס ער וויל, און געהייסן זיי איבערלאָזן ווייב און קינדער ווייל זיי ווילן נישט מיטגיין מיט זיי.

ו) שלמה העלבראַנץ רעדט מיט זיינע חסידות'טעס פּרויען 6-7 שעה אין איין צי, און פרעגט זיי אויס אַלע ענינים פון פּריוואַטן לעבן.

ז) שלמה העלבראַנץ, וועלכער איז געבוירן ביי פרייע עלטערן פון די גרעסטע שונאי הדת אין ארץ ישראל און באַזיצט מדות מושחתות וואָס האָט נישט צו זיך קיין פּרעצעדענט אין די געשיכטע, און האָט אויפגעטוען אַ חידוש אַז אויך אַזאַ בריה שפּילה ווי אַ פּגום און ספק ממזר קען זיין אַ רבי און פּראַווען חסידות און פרעגעלט איין די אַלע שרעקליכע מדות פאַר זיינע תלמידים און חסידים.

ח) שלמה העלבראַנץ האָט איינגעפירט אַ ישיבה און כולל מיט אַ סדר פון לערנען 1 שעה גמרא, 1 שעה תניא, און די איבריגע שעה'ן קבלה.

ט) שלמה העלבראַנץ לערנט זיינע חסידים צו זאָגן שקר וויפיל עס לאָזט זיך, און אַזוי טוט ער שטענדיג.

### י) וואָס רבנים האָבן גובה עדות געווען אויף די אַלע אויבנדערמאנטע זאַכן.

איז דער וויי געשריי און הייסע טרערן פון אידישע מאַמעס וועלכע האָבן פאַרלוירן זייערע מענער, דער צער פון די באַזאָרגטע בא'חנ'טע קינדערלעך וועלכע האָבן פאַרלוירן זייער פּאָטער אַרויף ביזן כסא הכבוד, און דער גזר דין איז אַרויס אַז דער אמת זאָל נתגלה ווערן, יהי רצון דער אמת זאָל אַרויסקומען בשלימות.